**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/14/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול זעצט פאר ווייטער איר פארשפרעכונג צו אפגאניסטאנער פליטים דורך אויפעפענען עדיוקעשען און האוזינג געלעגנהייטן און איינזאמלען ארטיגע צוזאמענארבעטער צוצושטעלן באלדיגע מיטלען פאר נויטבאדערפטיגע פליטים**

***אין א באמיאונג צו העלפן באזעצן פליטים אין ניו יארק, מעלדט גאווערנער האקול אז SUNY וועט עפענען בילדונגס געלעגנהייט צענטערס פאר פליטים דורך מוותר זיין אויף די וואוינונג פארלאנגען פאר ארייננעמען כדי צוצושטעלן פרייע ESL קורסן און סערטיפיקעישענס זיי צו באהעפטן צו ארטיגע ארבעט געלעגנהייטן***

***SUNY באפעלאו סטעיט קאלעדזש צוזאמענארבעטער וועלן רעזערווירן אומבאניצטע דארמיטארי פלאץ פאר צייטווייליגע האוזינג און געבן איבעריגע לעפטאַפּס אויפ׳ן פלאץ***

***SUNY ארבעט צו ליפערן נאך קאמפיוטערס צו געבן צוטריט צו בילדונג פראגראמען פאר פליטים לענגאויס דעם סטעיט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן צוזאמענארבעטשאפטן און רעסאָרסן צוצושטעלן א מקום מיקלט פאר אפגאניסטאנע פליטים אין ניו יארק סטעיט, אריינגערעכנט בילדונגס מיטלען און צייטווייליגע האוזינג צו שטיצן פליטים בשעת זיי זוכן זיך צו ווידער-באזעצן אין די פאראייניגטע שטאטן.

"מיר קענען צוטרעפן צו די פאדערונגען פון היינט און מארגן מיט רחמנות, המצאה׳דיגקייט, און פעסטקייט, און עס זענען פארהאן ריזיגע אוצרות לענגאויס דעם סטעיט צו געבן פאר די אפגאניסטאנע פליטים א פעסטע אנהויב דא אין די פאראייניגטע שטאטן," האט געזאגט **גאווערנער האקול**. "דאס איז א רוף צו נעמען שריטן, אויפצוהאלטן אונזער סטעיט׳ס שטאלצע היסטאריע פון גיבן שיצונג פאר פליטים פון רדיפות און געוואלדטאט. דער פארמאטערנדע רייזע וואס טויזנטער אפגאניסטאנער האבן געמאכט אין לויף פון די לעצטע פאר וואכן איז נישט דער סוף נאר ענדערש דאס אנהויבן א קאפיטל פונדאסניי וועלכס מיר קענען זיי העלפן אפשרייבן."

אויף צו דערמוטיגן די ציווילע ביישטייערונגען וואס אימיגראנטן ברענגען צו אונזער געזעלשאפט, וועט דער סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק עפענען אירע 10 בילדונגס געלעגנהייט צענטערס לענגאויס ניו יארק סטעיט צו פליטים, און מוותר זיין אויף די ניו יארק סטעיט 1-יעריגע וואוינונג פארלאנג אויף איינטריט. סיי וועלכע פון די פליטים קענען, און ווערן דערמוטיגט, זיך איינשרייבן פאר אומזיסט קורסן, סערטיפיקאט, און אויסשול פראגראמען, און מענטאָרשאַפט פאר זוכן נאך-הויך-שולע בילדונג און פעאיגקייטן פאר ארבעט געלעגנהייטן. SUNY ארבעט אינאיינעם מיט ראטשעסטער-באזירטע ׳קיפינג אַווער פּראָמיס׳ (איינהאלטן אונזער צוזאג), צו אנטוויקלען קורסן ספעציפיש צו שטיצן דער פליטים באפעלקערונג, ווי צ.ב.ש. ענגליש אלס צווייטע שפראך קורסן געאייגנט פאר די וועלכע רעדן דאַריש, פאַרסיש, און פאַשטאָ.

צוזאמענארבעט צווישן פליטים באזעצונג פראוויידערס און פעדעראלע און סטעיט פראגראמען ווי צ.ב.ש. דער יו-עס סטעיט דעפארטמענט׳ס אפגאניסטאנער פלאצירונג און הילף פראגראם, דער ניו יארק סטעיט אפיס פאר נייע אמעריקאנער, און דער ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף׳ס ביורא פון פליטים סערוויסעס וועט זיין הויפט-וויכטיג אויף אוועקצושטעלן א פראצעס צו אידענטיפיצירן פעאיגקייטן, טרענירונג, טאלאנטן, און הינטערגרונדן פון איינציגווייזע פליטים און בויען פלענער פאר זייער בילדונג, טרענירונג באדערפעניש, אדער לייסענסשאפט קוואליפיצירונגען צו שטיצן זייער אריינקומען אין ניו יארק׳ס ארבעטסקראפט.

צו העלפן מיט צייטווייליגע האוזינג געברויכן, האט SUNY׳ס קאמפוס ביי באפעלאו סטעיט קאלעדזש זיך אנגעשליסן מיט ארטיגע אגענטורן צו רעזערווירן ליידיגע דארמיטארי ערטער פאר טראנזיציאנעלע האוזינג אויף ביז 100 פליטים. באפעלאו סטעיט און SUNY וועלן אויך צושטעלן איבעריגע לעפטאַפּס פאר אפגאניסטאנע פליטים אויפ׳ן פלאץ זיי צו העלפן האבן צוטריט צו בילדונגס פראגראמען. עס איז ערווארטעט אז סיי ווער פון 12 יאר און העכער וועט זיין פולשטענדיג וואקסינירט קעגן קאוויד-19 איידער דאס אנקומען אויף באפעלאו סטעיט קאמפוס. דאס אנקומען און די שטיצע פון פליטים בשעת זיי וואוינען צייטווייליג ביי דעם קאלעדזש וועט ווערן קאארדינירט דורך ׳באָפעלאָ יוּנייטעד פאָר אַפגאַן רעפיוּדזשיס׳, א קאאליציע פון פינף באפעלאו געגנט ארגאניזאציעס וואס פירן דער ראיאן׳ס ווידער-באזעצונג ארבעט.

SUNY ארבעט אויך אויף צו געבן נאך קאמפיוטערס, וועלכע זענען באלד גרייט געווען ארויסצונעמען פון באניץ, צו פאטענציעלע סטודענטן, כדי צו העלפן שטיצן די ווידער-באזעצונג פון פליטים. די רעסורסן וועלן געניצט ווערן אויפצושטעלן קאמפיוטער לעבּס אין לייבערריס, ווידער-באזעצונג אפיסעס, אדער לאקאציעס לענגאויס דעם סטעיט וועלכע טוהען אנבאטן סערוויסעס פאר פליטים.

דער אפיס פאר נייע אמעריקאנער האט אויך א האטליין וואס קען פארבינדן אימיגראנטן און פליטים מיט אומזיסטע סערוויסעס לענגאויס דעם סטעיט. דער האטליין קען מען רופן אויף 1-800-566-7636 פון 9:00 אינדערפרי ביז 8:00 אוונט, מאנטאג ביז פרייטאג, אויסער האלידעיס, מיט הילף צוגעשטעלט אין איבער 200 שפראכן.

דער אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף ארבעט מיט דער פעדעראלער אפגאניסטאנע פלאצירונג און הילף פראוויידערס נאכצושפירן דאס אנקומען פון אפגאניסטאנע פליטים. אפגאניסטאנע פליטים קענען סערווירט ווערן אונטער דער אגענטור׳ס פראגראם פאר סערוויסעס ווי צ.ב.ש. באשעפטיגונג הילף, קולטורעלע אריענטאציע, און זיך איינגעוואוינען אין סקול, צווישן אנדערע.

**SUNY קאנצעלאר דזשים מאלאטראס האט געזאגט,** "פובליק העכערע עדיוקעישן באקרעפטיגט סאציעלע באוועגונג און סאציעלע פארשריט, און עס איז א טייל פון אונזער הויפט מיסיע צו עפענען אונזערע טירן צו נויטבאדערפטיגע מענטשן. דער גאנצער SUNY קאמיוניטי דאנקט גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט אין עפענען ניו יארק׳ס טיר צו אפגאניסטאנע פליטים. מיר וועלן טוהן אונזערס דורך צושטעלן הויכע-קוואליטעט בילדונג געלעגנהייטן כדי אז זיי זאלן קענען זיך באטייליגן אין דעם אמעריקאנער טרוים. מיר שעפן זיך אן כוחות פון זייער געשיכטעס און זייער טראדיציעס, און מיר נעמען זיי אויף מיט׳ן אנבאט פון זיכערהייט און געלעגנהייט."

**באפעלאו סטעיט קאלעדזש פרעזידענטקע קאטרין קאנוויי-טורנער האט געזאגט,** "אלס א קאלעדזש אנטשלאסן צו סאציעלע יוסטיץ, דיווערסיטעט, און אריינגעמיגקייט, שטרעבט באפעלאו סטעיט צו זיין א כוח פאר מיטגעפיל און סטאביליזירונג אין א וועלט אנגעפילט מיט כאאטישקייט און אומגערעכטיגקייט. מיר האבן עס געמאכט א טייל פון אונזער אויפגאבע ארויסצוזוכן ארטיגע, נאציאנאלע, און אלוועלטליכע קאמיוניטיס צו העלפן יחידים פון יעדן הינטערגרונד און עטנישער אפשטאם וואס טוהט ליידן. באפעלאו סטעיט באדאנקט גאווערנער האקול און קאנצעלאר מאלאטראס פאר פירן דעם וועג אין

ניו יארק סטעיט אויף אויפצונעמען און שטיצן די יחידים אויף זייער רייזע צו א בעסער׳ן לעבן. מיר דאנקען אויך די ׳קעטאָליק טשעריטיס׳ פון באפעלאו, דער אינטערנאציאנאלע אינסטיטוט פון באפעלאו, דזשעריקאָ ראוד קאמיוניטי העלט צענטער, ׳דזשואיש פעמילי סערוויסעס׳, און ׳דזשורני׳ס ענד רעפיודזשי סערוויסעס׳ פאר אלע זייער ארבעט אויפצונעמען די טייערע מענטשן צו אונזער ראיאן."

**דזשעניפער ריזא-טשאו, צייטווייליגע עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון דער אינטערנאציאנאל אינסטיטוט פון באפעלאו, האט געזאגט,** "מיר, ביי דער אינטערנאציאנאלע אינסטיטוט פון באפעלאו, גלויבן אז ניו יארק סטעיט ווערט נאר שטערקער דורך אימיגראנטן און פליטים, און אונזער אויפגאבע איז צו באזעצן פליטים און אין דער זעלבער צייט זיי צושטעלן זיכערהייט, רעספעקט, זעלבסט-כבוד, עדיוקעשען, און באשעפטיגונג געלעגנהייטן. מיר דאנקען גאווערנער קעטי האקול פאר׳ן אויפנעמען די אפגאניסטאנע פליטים מיט אפענע ארעמעס, און פאר ארבעטן מיט ארטיגע צוזאמענארבעטער ווי למשל IIB אריינצובאגלייטן די אריינקומענדע באפעלקערונג, און זיי געבן א נייער התחלה."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן